# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

פרשת דברים תשפ"ד לפ"ק

### בסיום מסכת נדרים שנלמדה ע"י תלמידי הישיבה גדולה במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'

יום ב' פרשת דברים תשפ"ד לפ"ק

**די מעלה פון לערנען מיט די חבורה 'ובהם נהגה'**

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אנטייל צונעמען ביי דעם סיום פון 'ובהם נהגה', וואס מען האט מסיים געווען מסכת נדרים. מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חשיבות דערפון, איזהו חכם הרואה את הנולד (תמיד לב.), די שמחה איז נישט נאר וואס מען האט מסיים געווען יעצט מסכת נדרים, די שמחה איז, אז איך קען שוין זעהן יעצט פאר מיר יונגעלייט וואס וועלן אי"ה מסיים זיין ש"ס! אז מען געוואוינט זיך אין די יוגענט, אז מען לערנט יעדן טאג דעם עמוד גמרא, און מען גייט פון איין מסכתא צו די אנדערע מסכתא, ווערט עס א רגילות, מען ווערט מיט דעם אויפגעבויט, אז יעדן טאג דארף מען אדורך לערנען א עמוד גמרא. אין 'ובהם נהגה' קומט אויס אז מען לערנט בערך צען בלאט א חודש, יעדע יאר לערנט מען בערך הונדערט און צוואנציג בלאט, וואס מען איז קונה מיט די זייטיגע לימודים ווייל מען האט געלערנט דעם שיעור. און אז עס גייט אדורך יארן יארן, איז מען קונה ש"ס אינגאנצען.

**איך** בין יעצט געווען אין ארץ ישראל, איך האב געטראפן דארט צענדליגער בחורים פון די יוצאי ישיבה, וואס האבן א שייכות צו אונז, און זיי לערנען דארט 'ובהם נהגה'. קיינער צווינגט זיי נישט, עס איז נישט מיט קיין חבורה פון די ישיבה, עס איז א חבורה צווישן די בחורים, מען קומט זיך צוזאם, און מען נעמט בחינות אויף 'ובהם נהגה', ווייל ווען מען האט זיך צוגעוואוינט אז מען זאל לערנען יעדע וואך דעם שיעור פון 'ובהם נהגה', בלייבט עס שפעטער א געוואוינהייט, אז מיט דעם איז דער מענטש אויפגעבויט. און א חכם הרואה את הנולד, זעהט תיכף, נישט נאר די שמחה וואס ער האט פון יעצט, נאר יעדער ביי זיך דארף זיך פרייען, איך האב זיך קונה געווען אין א חבורה, וואס וועט אנהאלטן אי"ה אויף מיין גאנץ לעבן, אז איך זאל קענען ווייטער ממשיך זיין מסכתא נאך מסכתא. בחורים דא האבן שוין געענדיגט מסכת כתובות, וואס מען האט געלערנט פאר דעם, עס איז א געוואלדיגע שמחה אז מען האלט ביי דעם סיום. און עס גיט אויך חיזוק אויף ווייטער, מסכת נזיר איז נישט קיין גרינגע מסכתא. די מסכתא איז נישט אזוי שווער, אבער די שוועריקייטן וואס איז דא איז, אז די פירושים דערויף איז נישט אזוי אויסגעארבעט ווי ערגעץ אנדערש, און אויף דעם זיצט מען דאך און מען לערנט. און ב"ה די חבורה האט אנגעהויבן צו

על הטוב יזכר

ידידינו הנכבד שיחי'

**אשר כלכל הוצאת הגליון הזה לזכות את הרבים**

זכות הרבים יעמוד לו ולבני ביתו לאורך ימים אכי"ר.

לערנען מסכת נזיר מיט א פרישן חשק, דארף עס געבן חיזוק פאר יעדן איינעם, נישט נאכלאזן. און וויסן מען דארף ענדיגן יעדע וואך די צוויי און א האלב בלאט. וואס עס קומט אויס מען זאל קענען ענדיגן, כדי אז מען זאל זיך צוגעוואוינען צו לערנען דאס גאנץ לעבן.

*

**משה רבינו האט מבאר געווען די תורה אין עבר הירדן ווייל עס איז געווען דארט אוירא דארץ ישראל מחכים**

**איך** וועל זאגן א דבר תורה אין די פרשה לכבוד דעם סיום. די וואך אין די פרשה איז משנה תורה, משה רבינו האט אנגעהויבן נאכאמאל איבערצוגיין די תורה. וואס ער האט געלערנט מיט יודען פערציג יאר, איז ער איבערגעגאנגען יעצט אין א קורצע צייט, אין פינף וואכן. פון ראש חודש שבט ביז ז' אדר, איז משה רבינו איבערגעגאנגען משנה תורה מיטן גאנצן כלל ישראל. און הואיל משה באר את התורה הזאת, ער האט נישט אפגעזאגט דעם חומש אזוי ווי עס שטייט, נאר יעדע זאך וואס ער האט געלערנט, האט ער מבאר געווען אלעס וואס ליגט אין די מצוה. ווען מען חזר'ט, גייט עס אסאך שנעלער. דאס וואס ער האט געלערנט מיט יודען אכט און דרייסיג יאר, האט ער שפעטער איבערגעג'חזר'ט אין א פאר וואכן.

**די** תורה (דברים א-ד) זאגט, אז דאס וואס משה רבינו האט מבאר געווען די תורה, איז געווען אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי אשר יושב בחשבון, ואת עוג מלך הבשן וכו', נאכדעם וואס ער האט מוריש געווען דאס לאנד פון סיחון ועוג, הואיל משה באר את התורה הזאת, האט משה רבינו אנגעהויבן מבאר צו זיין די תורה. וואס איז די תורה מדגיש, אז דאס איז געווען אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי, און עוג מלך הבשן אשר יושב בעשתרת באדרעי, נאכדעם וואס ער האט איינגענומען ארץ סיחון ועוג, האט ער אנגעהויבן מבאר צו זיין די תורה.

**דער חתם סופר** (בדרשות סוכות נ.) ברענגט צו פון זיין רבי' פונעם **פנים יפות** (ריש פ' דברים), משה רבינו האט יעצט נאכאמאל מבאר געווען די תורה, ער האט דאך שוין געהאט געלערנט מיט יודען די תורה, יודען האבן געקענט די תורה, זיי חזר'ן שוין די תורה די אלע יארן אינעם מדבר. נאר אוירא דארץ ישראל מחכים (בבא בתרא קנח:), ארץ ישראל האט אין זיך א כח פון חכמה, אין תורה כתורת ארץ ישראל, שטייט אין מדרש (ב"ר טז-ד), תורה פון ארץ ישראל איז א העכערע תורה. וזהב הארץ ההוא טוב (בראשית ב-יב), אין תורה כתורת ארץ ישראל. משה רבינו איז געווען אין חוץ לארץ, כלל ישראל איז געווען אין חוץ לארץ, ווען מען איז אריינגעקומען אין ארץ סיחון ועוג, וואס איז שוין געווען פון כיבוש הארץ, האט עס שוין געהאט קדושת ארץ ישראל, איז ער צוגעקומען דא צו אוירא דארץ ישראל מחכים, פארשטייט מען שוין העכער די תורה פון וואס מען האט עס ביז יעצט געלערנט, איז הואיל משה באר את התורה הזאת. אחרי הכותו את סיחון, נאכדעם וואס ער האט מוריש געווען די לאנד פון סיחון ועוג, האט עס דאך באקומען די קדושה פון ארץ ישראל, אוירא דארץ ישראל מחכים, הואיל משה באר את התורה הזאת, האט ער געלערנט תורה מיט יודען אויף א העכערע מדריגה פון וואס ער האט געלערנט ביז יעצט.

**מען** האט גערעדט שבת (בסעודת שלישית), אז עס איז נישט אזוי פשוט, אז אוירא דארץ ישראל מחכים איז געזאגט געווארן אויך אויף עבר הירדן. אין **תשב"ץ** (ח"ג סימן ר) שטייט, אז דאס אז עבר הירדן האט די הלכה פון ארץ ישראל איז נאר לגבי די מצוות וואס זענען תלויות בארץ, דאס גייט אויך אן אין עבר הירדן, אבער די מעלות וואס איז דא אין ארץ ישראל, וואס ה' שוכן בציון (יואל ד-כא), וואס דער אייבערשטער רוהט דארט, ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, תמיד עיני ה' אלקיך בה, מראשית השנה ועד אחרית שנה (דברים יא-יב), דאס איז נאר אין די גבולות פון ארץ ישראל, אבער ארץ סיחון ועוג האט נישט די מעלות. און ער רעכנט אויס, אז ארץ סיחון ועוג האט נישט די מעלות פון אוירא דארץ ישראל מחכים. עס איז נישט דא קיין נבואה דארט, ווייל נבואה איז נאר אין ארץ ישראל. עס איז נישט כשר צו בויען א בית המקדש. אויב אזוי, פאלט דאך אוועק דעמאלטס אז הואיל משה באר את התורה הזאת, ער האט מבאר געווען די תורה ווייל דא איז ער צוגעקומען צו אוירא דארץ ישראל מחכים, עס האט נישט געהאט די אוירא דארץ ישראל, אז עס זאל קענען מחכים זיין.

**האבן** מיר גערעדט שבת, אז אוירא דארץ ישראל האט עס אפשר געהאט, ווייל די לופט גייט דאך פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ. און אזוי ווי עבר

הירדן איז נאנט צו ארץ ישראל, איז די לופט וואס איז דא אין ארץ ישראל, אריבערגעקומען אויף עבר הירדן, איז דאס אויך מחכים. אפילו מען איז נישט געווען אינעם לאנד אליין, אבער די 'אוירא' דארץ ישראל איז מחכים. אבער על כל פנים עס דארף האבן א ביאור, אויב מען איז נישט געווען אין ארץ ישראל, וואס איז געווען דער הואיל משה באר את התורה הזאת, וואס ער האט מבאר געווען די תורה אחרי הכותו.

**דער פלאץ וואו מען טוט א מצוה, באקומט א קדושה**

**אין** הייליגע ספרים שטייט, ווען א מענטש טוט א מעשה, העושה מצוה אחת, קונה לו פרקליט אחד (אבות ד-יא), פון יעדע דבר טוב וואס א יוד טוט, ווערט באשאפן א מלאך, און פון יעדע עבירה וואס א מענטש טוט, איז אויך דא א פרקליט אחד, עס ווערט באשאפן א מקטרג, וואס איז מקטרג. יעדע דבר טוב וואס א יוד טוט, ווערט באשאפן דערפון א מלאך. אין דעם פלאץ וואו ער האט געטון די מצוה, איז חל א קדושה, ער האט מקדש געווען דעם מקום. דא האב איך געלערנט, דא האב איך געדאווענט, דא האב איך געגעבן צדקה, און דא איז באשאפן געווארן דער מלאך פון הימל. פון די מצוה וואס ער האט געטון, ווערט נתקדש דער מקום, אז אפילו ווען דער מענטש גייט אוועק פון דעם פלאץ, בלייבט איבער א קדושה אויף דעם פלאץ וואו ער האט געטון די מצוה. די זעלבע איז ביי א עבירה, ווען א מענטש זינדיגט, ווערט באשאפן א קליפה, א טומאה. און אין דעם פלאץ וואו מען האט געזינדיגט, איז דא אויף דעם מקום א טומאה, וואס אפילו ווען דער מענטש גייט אוועק פון דעם מקום, איז אויף דעם פלאץ שורה א טומאה פון די קליפה פון די עבירה וואס מען האט געטון.

**די מעלה פון קובע זיין מקום לתפלתו**

**עס** שטייט אין **צל"ח**, די גמרא (ברכות ו:) זאגט, אז א מענטש זאל קובע זיין מקום לתפלתו. ווען ער דאווענט, זאל ער דאווענען אויף איין פלאץ, נישט איינמאל דאווענט ער אין דעם ווינקל, און איינמאל אין א צווייטן ווינקל. און ווען א מענטש איז קובע מקום לתפלתו, ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, און מען רעכנט אויס די שבחים פון דעם מענטש וואס ער האט געטון, זאגט מען אויף אים, האי חסיד האי עניו, ער איז געווען א חסיד און א עניו, ער האט קובע געווען מקום לתפלתו.

**א** חסיד איז ער, ער האט געטון מער פון וואס ער דארף צו טון. ער קען דאך דאווענען ערגעץ אנדערש, און מען איז אויך יוצא די תפלה, און ער האט געטון די תפלה ווי עס דארף צו זיין, אויף דעם פלאץ. אבער וואס איז דאס עניוות, אז ער האט קובע געווען מקום לתפלתו? עס איז עפעס א גרעסערע ענוה, אז ער דאווענט אויף דעם פלאץ וואו ער האט נעכטן געדאווענט, און ער דאווענט נישט אין אן אנדערן ווינקל?

**זאגט** דער צל"ח, ווען א יוד דאווענט, טוט ער דאך א מצוה, איז חל א קדושה אויף דעם פלאץ וואו ער האט געדאווענט, אז דאס פלאץ ווערט נתקדש. און ווען ער קומט מארגן דאווענען, און ער דאווענט אויף דעם זעלבן פלאץ, וואס די נעכטיגע תפלות וואס ער האט געדאווענט, האבן דאך משרה געווען א קדושה אויף דעם מקום, דאווענט זיך אנדערש, ווייל ער האט די קדושת המקום וואס טוט צוהעלפען אז די תפלה זאל נתקבל ווערן. קומט אויס, אז ווען ער איז קובע מקום לתפלתו, און ער דאווענט שוין הונדערטער תפלות אויף דעם זעלבן פלאץ, איז די אלע תפלות וואס ער האט געדאווענט, האט מקדש געווען דעם מקום, אז די תפלה וואס ער דאווענט אין דעם מקום שפעטער, האט א העכערע קדושה.

**איינער** וואס האלט אז ער איז חשוב, און זיינע תפלות זענען חשוב אויבן אין הימל, דער איז נישט קובע מקום לתפלתו, ער דארף נישט האבן די קדושה פונעם פלאץ וואס זאל אים צוהעלפן צו דאווענען, ער איז דאך אליין חשוב. אבער א מענטש וואס ווייסט אז ער איז וואס ער איז, אז זיינע תפלות האבן בעצם נישט קיין חשיבות, דער זוכט אלע סגולות כדי אז עס זאל נתקבל ווערן זיין תפלה. איז ער קובע מקום לתפלתו, ווייל דער פלאץ איז נתקדש געווארן, טוט עס אים צוברענגען אז זיין תפלה איז העכער. - ווען א מענטש איז קובע מקום לתפלתו, זאגט מען אויף אים האי חסיד האי עניו, עס ווייזט אויף זיין עניוות, אז ער האט געדארפט האבן די קדושה פון דעם פלאץ, כדי ער זאל קענען דאווענען.

**אויף דעם פלאץ וואו מען טוט א עבירה איז שורה א טומאה**

**פארקערט** אויך, ווען א מענטש זינדיגט אויף א פלאץ, איז חל א טומאה אויף דעם מקום אז אפילו

ווען ער גייט אוועק פון דארט, אויף דעם פלאץ קלעבט זיך שוין נישט צו קיין קדושה, אין דעם פלאץ לערנט זיך שוין נישט, ווייל דא ליגט א טומאה אויף דעם מקום.

**עס** שטייט אין די משנה (אבות ג-ג) שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה, צוויי מענטשן זיצן און עס איז נישט דא קיין דברי תורה צווישן זיי, הרי זה מושב לצים, איז עס א מושב לצים. אז מען שמועסט, און מען לערנט נישט קיין תורה, איז עס א לצנות. אין די מפרשים שטייט, וואס איז דער הרי זה 'מושב' לצים, הרי 'הם' לצים, זיי זענען לצים, זיי רעדן לצנות, אז מען רעדט נישט קיין דברי תורה איז עס א לצנות. פארוואס רופט ער עס אן עס איז א 'מושב לצים', עס איז א פלאץ ווי לצים זיצן.

**דער** פשט דערפון איז, ווי קומט דאס טאקע אז צוויי תלמידי חכמים, צוויי בני תורה קומען זיך צוזאם, און עס איז אין ביניהם דברי תורה. פארוואס טאקע איז נישט דא צווישן זיי דברי תורה. עס איז נאר, עס מוז זיין, אז דער מקום ווי זיי שטייען, זענען געזעסן דא לצים, און מען האט מטמא געווען דעם מקום מיט לצנות וואס מען האט גערעדט, אז עס ליגט א טומאה אויף דעם מקום, און אז עס ליגט א טומאה אויף דעם מקום, איז ווען מען קומט אהין, דאס טוט צוריק האלטן אז עס רעדט זיך נישט קיין דברי תורה, עס רעדט זיך לצנות. אז מען זעהט שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה, צוויי מענטשן זיצן און עס איז נישט דא קיין דברי תורה, הרי זה 'מושב לצים', איז א סימן אז דא זענען געזעסן לצים. נישט זיי זענען די לצים, נאר דא זענען געזעסן לצים און מען האט מטמא געווען דאס פלאץ, ממילא לערנט זיך נישט, און עס דאווענט זיך נישט נאכדעם. יעדעס פלאץ, וואס א מענטש האט געטון אויף די מקום, ליגט א כח פון דעם, אויף דעם פלאץ. קדושה איז מקדש דעם מקום, און א חטא טוט מטמא זיין דעם מקום.

**די מדינים האבן מחטיא געווען יודען מיט זייערע מחשבות**

**עס** שטייט אין **נועם אלימלך** (פרשת פנחס), דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, צרור את המדינים והכיתם אותם, כי צוררים הם לכם בנכליהם אשר נכלו לכם (במדבר כה-יז), די בנות מדין האבן מחטיא געווען יודען, און דער אייבערשטער האט געזאגט, צרור את המדינים, מען דארף זיי צוריק צאלן, כי צוררים הם לכם, זיי זענען צוררים פאר ענק, בנכליהם אשר נכלו לכם, מיט זייערע מחשבות וואס זיי האבן געטראכט אויף יודען. שטעלט זיך דער הייליגער רבי רבי אלימלך, כי צוררים הם? עס איז דאך א לשון עבר, זיי זענען געווען, זיי האבן מצער געווען יודען פון פריער, פארוואס זאגט ער כי צוררים הם לכם, זיי זענען יעצט צוררים. בנכליהם? נאר מיט זייערע מחשבות, במעשה האבן זיי מחטיא געווען יודען, פארוואס רופט מען עס אן בנכליהם אשר נכלו לכם.

**זאגט** דער הייליגער רבי רבי אלימלך, מדין האט מחטיא געווען יודען, און ווי זיי דרייען זיך, מיט זייערע שלעכטע מחשבות וואס זיי האבן, לאזט עס איבער א טומאה אויף דעם מקום, אז ווער עס קומט אהין, פאלט אריין אין זייערע מחשבות וואס זיי האבן געטראכט. נאר אז מען וועט הרג'נען די אנשי מדין, דעמאלטס וויבאלד זיי זענען געשטארבן, וועט די קליפה וואס זיי האבן באשאפן אויך אוועקגיין פון דעם מקום, ווייל זיי עקזיסטירן נישט מער.

**צרור** את המדינים והכיתם אותם, כי צוררים הם לכם, זיי זענען נאך יעצט פאר ענק צוררים, ביז ווילאנג זיי לעבן, און זייער קליפה גייט ארום צוזאמען מיט זיי, זענען זיי צוררים פאר ענק. בנכליהם אשר נכלו לכם, מיט זייערע מחשבות וואס זיי דרייען זיך ארום, מאכן זיי קאליע אנדערע. אז מען וועט זיי הרג'נען, מיט דעם וועט צוגענומען ווערן די כח הקליפות.

**משה** רבינו דארף מבאר זיין די תורה. תורה איז דאך א קדושה. ווי הייליגער א מענטש איז, ווי הייליגער דער מקום איז, ווי הייליגער דער גוף איז, איז מען מער קונה תורה. ווי שוואכער די קדושת המקום איז, ווי שוואכער דער קדושת הגוף פון דעם מענטש איז, קלעפט זיך נישט אן תורה. יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), תורה וואס מען לערנט מיט יראת ה', טהורה, דאס איז ריין, עס איז אן א טומאה, עומדת לעד. צוויי מענטשן קענען לערנען,ביידע האבן די זעלבע קאפ, און ביי איינעם האט זיך צוגעקלעבט די תורה און ער איז אויסגעוואקסן א תלמיד חכם, און דער אנדערער האט די תורה זיך נישט צוגעקלעבט צו אים. עס ווענדט זיך אלץ אין דעם מקום, עס ווענדט זיך אלץ אין דעם מענטש, ווי ווייט זיין יראת ה' איז. אויב עס איז טהורה, איז עס עומדת לעד.

### משה רבינו האט געלערנט משנה תורה
### אין א פלאץ וואו עס איז נישט דא קיין טומאה

**ווען** משה רבינו וויל איבערגעבן יעצט די תורה פאר כלל ישראל, הואיל משה באר את התורה הזאת, ביז ווילאנג סיחון ועוג דרייען זיך ארום, כי צוררים הם לכם בנכליהם אשר נכלו לכם, ער געפונט זיך אין א טמא'נע לאנד, ער געפונט זיך אין א ארץ פון סיחון ועוג. אין א ארץ פון סיחון ועוג איבערצוגעבן תורה פאר יודען, אז עס זאל בלייבן יראת ה' טהורה עומדת לעד, גייט נישט. אבער אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי, נאכדעם וואס ער האט געשלאגן סיחון, און ער האט אוועקגענומען די קליפה, דער פלאץ איז געווארן א מדבר שממה, מען האט עס מטהר געווען, מען האט אויסגע'הרג'ט יעדן איינעם, עס איז נישט דא מער קיין טומאה, עס איזליידיג, עס איז נישט דא קיין גוים, עס איז דא דארט חורבות, הימל מיט ערד, הואיל משה באר את התורה הזאת, דארט האט משה רבינו צוזאמגענומען יודען, און ער האט זיי מבאר געווען די תורה. די תורה וואס מען לערנט אחרי הכותו את סיחון, ווען מען איז נישט צוזאמען מיט די אומות העולם, די תורה וואס מען לערנט ווען די קליפות זענען שוין נישט דא, דאס וועט זיין עומדת לעד, דאס וועט בלייבן פאר יודען אויף שטענדיג. דאס איז די תורה מדייק, אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי, אפילו אונז וועל מיר זאגן אז עס איז נישט געווען אוירא דארץ ישראל מחכים, און עס האט נישט געהאט דעם כח פון ארץ ישראל, אבער דעם כח אז עס איז א מקום טהור, וואס עס איז אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי, די טהרה מיט וואס משה רבינו האט געלערנט יודען, דאס וועט זיין עומדת לעד, דאס וועט בלייבן אויף שטענדיג.

### כדי די תורה זאל זיך האלטן
### דארף מען מקדש זיין דעם גוף

**דער** מוסר השכל דערפון איז, ווען מען לערנט תורה, און מען וויל שטייגן אין תורה, אוודאי דארף מען לערנען פלייסיג און אויסנוצן די צייט, אבער עס ווענדט זיך אויך אסאך אין אנדערע זאכן. ווי אזוי די קדושת המקום איז, מען האט פריער געהערט, אז אויף דעם פלאץ אליין דא, אזויפיל תורה וואס מען לערנט שוין דא אזויפיל יארן, מיט אזא קדושה וטהרה וואס מען איז עוסק אין תורה, די קדושת המקום אליין איז מסייע אז מען זאל קענען שטייגן. און יעדער פאר זיך אליין, ווי מער ער איז זיך מקדש, קדש עצמך במותר לך, ווי אזוי זיין עסן קוקט אויס, ווי אזוי זיין שלאפן קוקט אויס, ווי אזוי זיין בין הסדרים קוקט אויס. לויט ווי אזוי א מענטש איז זיך מקדש, אזוי ווערט נתקדש דער גוף. און ווען דער גוף איז הייליג, דעמאלטס קלעבט זיך אן די תורה וואס מען לערנט.

**מען** רעדט פון חסידישע בחורים וואס אלעס דארף זיין בקדושה, אלעס דארף זיין מיט א איידלקייט. מען גייט עסן מיט א ערנסטקייט, מיט א הוט און רעקל. ווען מען רעדט, רעדט מען דברי תורה, מען שמועסט פון דברי תורה, מען גיט חיזוק איינער פארן צווייטן, ווי מער א יוד איז מקדש זיין גוף פאר תורה, קלעבט זיך אן די תורה מער און מער.

*

### מרבה זיין אין אהבת חברים

**עס** איז די טעג וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן פונעם בית המקדש, וואס דער חורבן איז געקומען וועגן שנאת חנם שהיתה ביניהם (יומא ט:), שהיו אוכלים ושותים זה עם זה, מען איז געזעסן צוזאמען ביי איין טיש מיטן חבר, אבער מען האט זיך דוקר געווען, מען האט זיך געשטאכן בחרבות שבלשונם, מען האט געשטאכן איינער דעם צווייטן מיט ווערטער, אוועקגעמאכט איינער דעם אנדערן, און געזאגט א קרים ווארט אויפן חבר, מען האט ווי' געטון דעם חבר, דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן פון בית המקדש.

**און** אז דער בית המקדש איז נאך נישט אויפגעבויט געווארן, איז א סימן אז מען האט נאך נישט מתקן געווען דעם חטא. מען רעדט נישט פון מתקן זיין די וועלט, אבער יעדער פאר זיך אליין, על כל פנים אין די פאר טעג וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן בית המקדש, מער צולייגן געוויכט ווי אזוי מען פירט זיך אויף מיטן חבר. אוועקנעמען די שנאת חנם וואס איז דא, אמאל איז דא א אנגעצויגענקייט צווישן איינעם און צווייטן, זעהן ווי אזוי מען קען עס אויסגראדן. אונז קענן מיר נישט מתקן אלעס, אבער 'זיך' קען ער מתקן זיין. יעדער פאר זיך דארף זוכן מיט וועם האב איך א שטיקל סכסוך, וואס מען קען אויסגראדן איינער מיטן צווייטן.

**ובכלל**, חברותא איז זייער א גרויס ענין, ווען מען האט א גוטן חבר, מען שמועסט זיך אויס מיט אים,

מען רעדט זיך אויס מיט אים אלעס וואס עס דרוקט אויפן הארץ. עס איז דא א לשון אין די גמרא (תענית כג.), או חברותא או מיתותא, אז עס איז נישט דא קיין חברותא, ווען א מענטש איז איינזאם, איז אסאך מאל בעסער די מיתה, או חברותא או מיתותא. - און דאס קען יעדער איינער העלפן פארן חבר, טוב המלבין שיניים לחבירו, מיט א שמייכל צו א חבר, א גוט ווארט וואס מען זאגט פארן חבר, מען פראבירט אים ארויסצוהעלפן. מען זעהט אמאל א בחור איז אראפגעקלאפט, און מען זעהט וואס מען קען אים גרינגער מאכן, מאכן א חברותא מיט אים, און צוברענגען אהבה ואחוה וריעות, דאס איז זאכן וואס טוען צוהעלפן אז דער בית המקדש זאל ווערן אויפגעבויט.

**אויסנוצן די טעג אין קעמפ**

**איך** מוז ארויסברענגען מיינע געפילן, מען זיצט דא צוזאמען מיט די בחורים, יעדן טאג וואס איך געפין זיך דא, איז ביי מיר א תענוג רוחני, ווען איך קוק ווי אזוי מען דאווענט, און ווי אזוי מען לערנט, מיט א ערליכקייט און איידלקייט, ווען מען קומט אין בית המדרש צום דאווענען, יעדער איז אויפן פלאץ, באצייטנס, מען פארפעלט נישט קיין דאווענען. מען דאווענט במתינות, מען דאווענט ווארט ביי ווארט, און מען דאווענט בקול. און נאכדעם ווען מען זעצט זיך לערנען, דער קול תורה וואס איז דא אין בית המדרש. אשריכם ואשרי חלקיכם! אז מען איז זוכה צו זיצן באהלה של תורה! ווילאנג מען איז דא, ווייסט מען נישט אסאך מאל צו שעצן, אבער ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, הייבט מען אן צו זעהן ווי גוט עס איז געווען די שעות וואס מען איז געזעסן דא אין בית המדרש, און מען האט געלערנט.

**דארף** מען זעהן דאס אויסצונוצען ווילאנג עס איז אין אונזערע הענט. עס דא די פאר וואכן ביז עס ענדיגט זיך דער זומער. מען האט אנגעהויבן יעצט א פרישע מסכתא אין ובהם נהגה, ווער עס האט זיך נאכנישט מיטגעכאפט, קען זיך נאך גרינג מיטכאפן מיט די בלעטער, אפילו ער האט עס פארפעלט. עס זאל זיין א חק ולא יעבור, איך מוז ענדיגן די 'ובהם נהגה' בלעטער יעדן טאג וואס מען דארף צו לערנען. מען האט פריער גערעדט, דאס איז נישט נאר א קנין וואס ער נעמט אויף יעצט, דאס איז א קנין וואס וועט בלייבן ביי אים, אז מיט דעם וועט ער לעבן זיין גאנץ לעבן שפעטער, וויסן אז עס קען נישט אדורכגיין א טאג אן לימוד התורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, די זכות פון תורה, תורה איז מגנא ומצלא, ווי מען האט פריער געהערט, בעידנא דעסיק ביה, ובעידנא דלא עסק ביה (סוטה כא.). כלל ישראל דארף ישועות, אחינו בני ישראל זענען אין א עת צרה, ארומגענומען מיט פיינט, אבער אונזער תורה וואס מיר לערנען דא, דאס איז מגנא ומצלא, דאס היט אפ, נישט נאר זיך אליין, נאר דאס גיט דעם קיום פאר די וועלט, און עס איז מגין פון פורעניות. מען האט מקבל געווען די תורה על מנת שאין אומות העולם שולטות בישראל (עירובין נד.), אז גוים זאלן נישט קענען שולט זיין אין יודען. אז מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, האט מען א חלק דערין, אונז טוה מיר מיט דעם העלפן פאר אחינו בני ישראל. ביי די תפלות דארף מען מער מרבה זיין בתפלה אויף אחינו בני ישראל. זאל דער אייבערשטער געבן, עס זאל נתקבל ווערן אלע תפלות לרחמים ולרצון, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

## בביקור אצל אחיו כ"ק אדמו"ר סערדאהעלי שליט"א

במחנה ישיבת סערדאהעלי במאנטיסעלא - יום ג' פרשת דברים תשפ"ד לפ"ק

**רבינו** (ראה את ספרו **משנה ברורה - שער הציון החדש** שהיא באמצע העריכה): מען האלט שוין ביים ענדיגען?

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** יא, ב"ה, דעם דריטן חלק מיטן אייבערשטענס הילף. מען דארף נאך צוענדיגען נאך אפאר סעיפים. יעדע סעיף אליין נעמט מיר א לאנגע צייט, איך האב דאך נישט קיין צייט. יעצט האב איך אביסל מער צייט, אבער א גאנץ יאר האב איך נאר דא א שעה, דארט א שעה.

**רבינו:** אז דו וועסט דא בלייבן נאך פיר וואכן, וועסטו האבן צייט. מען דארף זיך נישט אהיימיאגן.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** עס איז א געוואלדיגע זכות הרבים, עס איז נישט פאר יעדן יוד צו לערנען, איך זאג נישט, אבער פאר תלמידי חכמים... איך האב געטראכט, מיר האט עס געקאסט צייט, און איך האב זיך געמוטשעט, און יענער באקומט עס שוין גראד אויף א גאלדענעם טעצל, די סברות מיט אלעם, עס איז א גרויסער זכות. לפי עניות דעתי, דער דריטער חלק איז חשוב'ער ווי די אנדערע צוויי. בעצם איז עס דער צווייטער חלק פונעם משנה ברורה (שכבר יצאו לאור ב' חלקים על הלכות פסח. על הלכות בדיקה וביטול חמץ (ח"א), ודיני ליל הסדר (ח"ג), וכעת באמצע העריכה על דיני קצירת חטים ואפיית מצות (ח"ב)), די הלכות זענען זייער רוי, קיינער רעדט נישט פונעם באקן מצות. די אלע חמץ'דיגע הלכות האט מען שוין גוט אדורך געקנעטן, ווייל עס איז געווען נוגע שטענדיג. און אויפן סדר איז דא אסאך ספרים, דאס זענען די צוויי חלקים. אבער דער חלק פון באקן מצות מיט אלעם ארום, איז דא אין דעם אסאך פרטים, און עס איז זייער א פארנעפלעטע זאך, עס איז נישט אזוי גוט אדורכגעקנעטן אין די ספרים.

**רבינו:** דער משנה ברורה אליין פאר זיך האט געהאט א געוואלדיגע ארבעט, בשעת ער האט עס מסדר געווען, ער האט דאך אויך נישט געהאט די ספרים.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** ער האט געהאט דעם שלחן ערוך הרב פאר זיך, אפילו די הלכות וואס ער קריגט זיך. מען זעהט מפורש פון די זאכן וואס ער איז מעורר בדרך אגב, אז ער האט גוט אדורכגעלערנט דעם שלחן ערוך הרב, אדורך און אדורך. און עס געפעלט אים נישט א פאר זאכן, און ער מאכט זיך נישט וויסענדיג. מען זעהט וואס ער שרייבט, אז ער מיינט נאר לאפוקי פונעם שלחן ערוך הרב. פשוט ער האט אסאך פארלייכטערט די ארבעט. איך קען עס היינט נישט זאגן, אבער כך הוא המעשה, דאס איז קיין שום ספק נישט.

אויסערדעם, איז דער גאנצער משנה ברורה מלא מיט לשונות פונעם שלחן ערוך הרב. ער האט דאך אסאך טעמים איבערגעל, דארט זעה איך, אז ער מאכט זיך גארנישט וויסענדיג. נאר אויף א צענטל פלעצער פון וויפיל ער איז מעתיק פון אים, שרייבט ער 'הגר"ז'.

**רבינו:** קען מען דען אנצייכענען אויף יעדע זאך? עס איז דאך נאר ביאורים און הסברים, ער האט עס אליין אויך געקענט ארויפקומען. אפילו ער שרייבט זיין לשון, אבער נישט אין יעדע זאך איז דא אזא חידוש.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** עס אהרט מיך זייער, וועגן דעם טאקע, שרייב איך אסאך מאל, 'לשון שו"ע הרב'. אונז מאך מיר דאך א פרישן שער הציון אויף יעדע פאר ווערטער, שרייב איך 'לשון שלחן הרב', מען זאל כאטש וויסן אז עס איז גענומען פון שו"ע הרב, מען זאל וויסן מבטן מי יצאו הדברים.

דער משנה ברורה האט געמאכט דעם ספר דרייסיג יאר! ער האט געלערנט אזוי בדיבוק חברים, דרייסיג יאר. דער תניא האט געמאכט דעם ספר אין א פאר יאר, א יחיד אליינס! די ערשטע האט ער געמאכט אויף הלכות ציצית און הלכות פסח, אין א יאר. ער האט עס נאך געוויזען פארן **הפלא"ה** מיטן **רבי ר' שמעלקא** (מניקלשבורג) צו ווייזן. אזוי שרייבן די קינדער אין די הקדמה. און זיי האבן אים געזאגט, אז עס איז זייער גוט, גיי ווייטער. נאר אדורכצולערנען דעם שלחן ערוך הרב אויף הלכות ציצית און הלכות פסח נעמט א יאר. וואס אונז פלאג מיר זיך דא שוין א פאר יאר, האט ער אין א יאר, צו א יאר אנדערהאלב, געמאכט אויף הלכות ציצית מיט הלכות פסח! און ער האט עס מחבר געווען, און געשריבן, יעדע ווארט געוואויגן און געמאסטן. אין יעדע סעיף אריינגעלייגט אוצרות גדולות. איינער וואס לערנט עס בעיון, עס איז מבהיל על הרעיון! עס איז נישט אזא פלא אויפן משנה ברורה. דער שלחן ערוך הרב איז אלעס געשריבן מיט א גראדן לשון, דער משנה ברורה איז נאר צוזאמגענומען פון דא און פון דארט, און עס איז נישט אזוי געוואויגן יעדעס ווארט. ער האט שוין געהאט דעם שלחן ערוך הרב, און ער האט שוין געהאט אלע ספרים, האט ער אזוי געקענטן אהין און אהער, אהער געדרייט אהין געדרייט. דער שלחן ערוך הרב האט געמאכט א בחינה פון יש מאין.

**רבינו:** און נישט אלעס האט דער משנה ברורה אליין געשריבן, דאכט זיך מיר אז זיין זון און זיין איידעם האבן אים צוגעהאלפן (ראה **מכתבי החפץ חיים** דף מב, ובספר **הצדיק רבי שלמה** דף מב).

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** איך האב אויך געזעהן אסאך מאל טאקע, אז עס איז אזוי, מען זעהט טאקע חילוקים אין די לשונות.

**רבינו:** די לשונות זענען נישט די זעלבע.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** איבער דרייסיג יאר, האט ער געארבעט אויף דעם.

**רבינו:** עס איז דא סימנים פונעם משנה ברורה וואס איז גוט אדורכגעארבעט, און עס איז דא סימנים וואס איז זייער פארוועט אזוי.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** יא.

**רבינו:** נישט אריינגעגאנגען אין קיין שום עמקות דערין, נאר אזוי פשוט.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** ער האט א גרויסע זכיה געהאט, דער יוד, א גרויסע זכיה.

**רבינו:** אין דוגמתו, איך ווייס נישט צו עס איז דא נאך א יוד פון די לעצטע דור, וואס זיין ספר זאל זיין אין יעדע יודישע שטוב.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** עס איז א זכות פון הימל, לאו כל אדם זוכה. פאר די קריג מען האט איבעראל געלערנט שלחן ערוך הרב, מען האט נישט געהאט כמעט קיין אנדערע ספר.

**בנו הרה"ג רבי יעקב דוד:** ווען א יוד לערנט משנה ברורה, לערנט ער שלחן ערוך הרב. מען זאגט, אז דער **חזון איש** האט נישט געלערנט שו"ע הרב, אבער ער איז מעתיק שטיקער פון משנה ברורה, און אמאל האלט ער יא, און אמאל קריגט ער זיך, די שטיקער משנה ברורה איז אסאך מאל שו"ע הרב.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** יא, דער חזון איש איז געווען א שטארקער ליטוויק...

דאס האב איך געמאכט ביז אינמיטן סימן תס"ז, עס איז א גרויסער שווערער סימן. איך בין נייגעריג וואס דו זאגסט, איך שפיר שטארק איך זאל נישט ווארטן ביז מען ווערט מסיים זיין. די פאר סעיפים ווערט נעמען וויניגסטענס א יאר צוויי. איך האב דאך יעצט וויינגער צייט אויך, די ישיבה וכדומה. איך זאל עס ארויסגעבן אזוי ווי עס איז, מען ווערט נאר צוצייכענען אויבן אויף זאכן, מראה מקומות וכדומה, אבער נישט אדורכלערנען אזוי בעיון. אדער זאל איך ווארטן ביז ווי לאנג עס ווערט זיין א דבר השלם. עס איז א שאד, עס איז דא אזויפיל הלכות פון אפית מצות און מים שלנו, תילי תילי של הלכות וואס ווערט נתברר אינעם ספר, עס איז א שאד אז מען זאל עס נאכנישט דרוקען. אדער הגיע ימים שאין בהם חפץ, משיח קומט שוין, און מען ווערט נישט ברויכען נישט דאס, און נישט די משנה ברורה, גארנישט.

**רבינו:** מען ווערט דעמאלטס אויך דארפן אלעס, מען ווערט זיצן און לערנען דעמאלטס אויך.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** מען דארף אריינכאפן ווילאנג מען קען נאך, מזכה צו זיין יודען.

**רבינו:** לדעתי איז עס אפילו נישט קיין ספק. חטוף ואכול, וואס מען קען ענדיגן, דארף מען ארויסגעבן און פארטיג. וואס מען טוט אליין, און עס איז פארטיג, זאלן יודען קענען נהנה זיין. אמאל האט דרוקן געקאסט א ים מיט געלט וכדומה, האט מען געטראכט צען מאל, צו מען זאל איין מאל דרוקן צו צוויי מאל דרוקן. היינט איז אלעס פענים. און מען גיט ארויס טויזענטער זאכן פאר איין טאג צו לערנען, און נאכדעם גייט עס אין גניזה. וועגן דעם דארף מען צוריקהאלטן א גאנץ ספר? - מען ווערט דאך אלץ עלטער, מען ווערט נאר מער פארנומען.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** אזוי ווי דו זאגסט, מיט די צייט קען מען דרוקן מהדורא תנינא.

**רבינו:** יא, מהדורא תנינא קען מען צושטעלן, אי"ה עס ווערט אויסגיין דאס, ביז דעמאלטס ווערט פארטיג זיין די גאנצע, מען שטעלט צו צום צווייטן.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** איך בין אויך אזוי נוטה.

**רבינו:** מען ארבעט נאכדעם רוהיג, אז מען ווייסט אז עס איז נאר דא די פאר סעיפים, דאס איבריגע איז שוין אינדרויסן. אז נישט, שלעפט מען דעם גאנצען עול פון אלעם צוזאמען.

**רבינו:** דעמאלטס קומט עס נאך ארויס אויף דעם פסח?

**הגרי"ד:** זייט עס איז דא די ישיבה, לערנט מען שוין נישט (הל' פסח) נאר בין הזמנים, אביסל ניסן, א פאר טעג אין תשרי, און אין די זומער. א גאנץ יאר לערנט מען דאך פאר אין די ישיבה.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** איך באשטיי עס צו דרוקן אויף שבועות אויך. עס איז נישט תלוי דוקא אין פסח, פסח איז שוין צו שפעט. רבי מיכאל בער [ווייסמאנדל] זכרונו לברכה האט אמאל פאר פסח ארויסגעשטעלט א צעטל אין די ישיבה, אז ער בעהט אז די בחורים זאלן לערנען אביסל הלכות פסח, מען זאל וויסן די הלכות פונעם סדר. האט ער געשריבן, די וועלט רופט איינער וואס איז נישט אזוי געהעריג, אז ער איז דער 'חכם פון די מה נשתנה'. וואס איז שולדיג דער חכם פון די מה נשתנה, אז מען מאכט פון אים א ליצנות, אז דער איז דער חכם פון די מה נשתנה. האט ער געזאגט, דער חכם פרעגט מה העדות והחוקים והמשפטים, א שיינע שאלה, א גוטע שאלה. פסח ביינאכט פרעגסטו? דו האסט דאך געוואוסט אז עס גייט זיין א סדר, האסטו דאך געקענט לערנען א פאר וואכן פריער, ווועסטו וויסן מה העדות והחוקים והמשפטים. ווען עס קומט פסח ביינאכט פרעגסטו, ביסטו טאקע נאר 'א חכם פון די מה נשתנה'. ממילא בעהט ער אלע בחורים מען זאל לערנען פאראויס.

על כל פנים, אויף פסח אליינס איז שוין ממילא צו שפעט, עס איז שוין נישט נוגע די גאנצע פשעטל

פון מים שלנו, און נישט פון אנדערע זאכן. וויפיל פרטים עס איז דא אין ווייץ שניידן, אן א שיעור זאכן. איך ברענג טאקע צו דעם מנהג פונעם טאטען, וואס ער האט געהאלטן ביי מים שלנו, וויפיל מינוטען, און שמועסן פון דא און פון דארט, גוטע זאכן וואס איז גוט פאר יעדן איינעם. פאר יעדן איינעם קומט עס צונוץ, גוט צוזאמגענומען אויף איין פלאץ, מיט סייעתא דשמיא. מען דארף האבן זכותים, מען דארף האבן א זכות, אז מען זאל קענען מזכה זיין את הרבים.

איך האב היינט געזעהן א אינטערעסאנטע זאך, פון **רבי חיים קניבסקי ז"ל**, עס איז ארויסגעקומען א ספר פון אים, בחיים חיותו נאך, סוף ימיו, זייער א אינטערעסאנטע ספר, איך געדענקט נישט ווי אזוי עס הייסט. עס איז דא דארט אפשר א פינף טויזנט ווערטער פון אים. ברענגט ער צו פון זיין פעטער פונעם חזון איש. אז די גמרא (הוריות יד.) זאגט, סיני ועוקר הרים, סיני עדיף, סיני איז בעסער פון א עוקר הרים, שמשנה ובריתות סדורות לו. זאגט ער, מען זעהט אז מען איז אסאך מאל קובע א הלכה מער לויט די סברא פון דעם בעל סברא, מער פון דעם וואס איז א גרויסער ידען און א גרויסער בעל בקיאות. און די גמרא זאגט דאך מפורש, אז סיני עדיף?

האט ער געהערט פונעם חזון איש, זאגט ער אזוי. וואס איז די מעלה פון סיני, ווי רש"י זאגט, משניות ובריתות סדורים לו כנתינתן מסיני, ער ווייסט אלע ברייתות, וואס דער חריף, וואס האט אזא חריף'ישן קאפ, ווייסט נישט דערפון. זאגט ער, ממה נפשך, אז מען טרעפט א ברייתא, ווערט דאך בטל די שיטה פונעם חריף אינגאנצן, איז דאך נישט דא וואס צו רעדן. ער האט געטראפן א מפורש'דיגע גמרא, א פארשטיפט גמרא ערגעץ, איז דאך נישט דא קיין מחלוקת, איז בטל די מחלוקת. וואס קען בלייבן א מחלוקת, ווען עס איז נוגע אין סברא, צו עס איז אייניג די שאלה וואס מען פרעגט היינט, צו נישט, דער זאגט אזא סברא און דער זאגט אזא סברא, איז דאך יענער וואס ער איז א בעל סברא האט דאך זיכער בעסער מכוון געווען. דער גאנצער פראבלעם איז נאר, אויב עס שטייט שוין מפורש ערגעץ וואס דער בקי קען בעסער טרעפן, דעמאלטס איז דאך שוין אויס מחלוקת, איז דאך נעשו שווים. בלייבט דאך נאר די מחלוקת ווען מען טרעפט נישט מפורש, איז דאך דאס נוגע נאר אין סברא צו עס איז אייניג אהין צו נישט, איז דאך א בעל סברא חשוב'ער, ווייל זיין סברא איז דאך א שטארקערע סברא. אזוי האט ער געהערט פונעם חזון איש.

**הרב רבי יהושע:** ער פרעגט עס אויף רבה ורב יוסף אליינס. מען זעהט אין די גמרא אז מען פסק'נט ווי רבה קעגן רב יוסף (עיין תוספות בבא בתרא קיד: ד"ה והלכתא). די גמרא זאגט דאך אז רב יוסף איז שטערקער ווי רבה, ווייל רב יוסף איז סיני. אויף דעם פרעגט ער, ווי אזוי קען מען פסק'נען ווי רבה קעגן רב יוסף? זאגט ער, די אלע מחלוקת'ער וואס רב יוסף האט געטראפן א קלארע ברייתא אקעגן רבה, שטייט בכלל נישט אין די גמרא. עס שטייט נאר אין די גמרא די מחלוקת וואס זענען תלוי אין א סברא.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** און די הלכה איז ווי רבה, רבה ורב יוסף, הלכה כרבה, וואס רבה איז געווען עוקר הרים. ווען עס קומט צו סברא, איז דער עוקר הרים בעסער ווי דער סיני.

**רבינו:** עס איז אבער נאר נאכדעם וואס ביידע האבן זיך שוין צוזאמגעזעצט. דער סיני האט אויסגעלייגט זיינס, און דער עוקר הרים לייגט אויס זיינס. דער עוקר הרים פאר זיך אליין, ווען ער האט נישט קיין סיני נעבן זיך, איז דאך דער עוקר הרים גארנישט. האסט געזאגט א סברא, און קען זיין אז עס איז דא א ברייתא וואס איז אקעגן דיין סברא.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** דער עוקר הרים אקעגן א טריקענע גמרא, אדער אקעגן א טריקענעם תוספות, איז גארנישט.

**רבינו:** ווען מען זעצט זיך אראפ דן צו זיין, דער סיני האט נישט געטראפן אקעגן דעם עפעס אנדערש, איז דער עוקר הרים שטערקער. – אין די היינטיגע טיטלען שרייבט מען 'סיני ועוקר הרים', היינטיגע גדולי ישראל זענען ביידע... רבה מיט רב יוסף זענען נאר געווען איינס...

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** דער זיידע ז"ל, דער **שימלויא'ער רב**, זאגט אויף עוקר הרים, אז עס שטייט אין מדרש (ב"ר לג-א), אז דער אייבערשטער האט באשאפן די בערג, ווייל דארט איז שוואך די ערד, און דער תהום וואלט זיך געשטארקט און ארויפגעקומען, און עס וואלט געקענט פארפלייצן די וועלט, האט דער אייבערשטער געלייגט דארטן א גרויס שטיקל ערד, א גרויסע געוויכט. עס שטייט (משלי י-כה) דאך, צדיק יסוד עולם, אפילו עס זאל נישט זיין קיין בערג, אבער אין זכות פונעם צדיק וועט זיך עס האלטן. דער בארג איז נאר גוט, אז בדרך הטבע זאל זיך עס קענען האלטן. רבה איז געווען אין די מדריגה פון עוקר הרים, אז די וועלט

וואלט געקענט שטיין אין זיין זכות אפילו מען זאל עוקר זיין די בערג, וואלט די וועלט אויך געהאט א קיום (עיין בהקדמת **שו"ת לחם שלמה** חלק אורח חיים).

**רבינו:** איך האב אמאל געזאגט, ירושלים איז הרים סביב לה, וה' סביב לעמו (תהלים קכה-ב), ירושלים איז ארומגענומען מיט בערג, איז דאך טייטש, אז דארט איז דער וואסער וואס האט געוואלט ארויפקומען שטערקער, און די בערג דארפן עס צוריקהאלטן. די מים התחתונים זענען דאך בוכים אנן בעינן למהוי קמי מלכא (תיקוני זוהר ה יט:). וה' שוכן בציון (יואל ד-כא), איז די וואסער וואס איז דא אין ירושלים, זענען אייביג משתוקק ארויפצוקומען, און מען דארף האבן הרים וואס זאלן עס אראפהאלטן. ארום ירושלים האט געדארפט זיין הרים, כדי צוריק צוהאלטן דעם תהום. (עיין **שמן ראש** חלק ראשון השלם בראשית דף תסז).

**הרב רבי יהושע:** מען האט דעמאלטס געטייטשט די המשך הפסוק, וה' סביב לעמו, ווייל דער אייבערשטער רוהט דארט.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** דער **ישמח ישראל** (לבדיקת חמץ) זאגט, ושאבתם מים בששון (ישעיה יב-ג), די וואסער איז דאך מים בוכים, אנן בעינן למהוי גבי מלכא, און דער אייבערשטער האט זיי מנחם געווען מיט ניסוך המים אין בית המקדש. היינט איז דאך נישט דא קיין ניסוך המים אויך נישט, עס איזליידער נישט דא קיין בית המקדש, אבער איין זאך איז יא דא, מצה קען מען נישט עסן אן וואסער, מען קען נישט עסן מעהל, מען מוז האבן דוקא וואסער. קומט אויס איז דא א מצוה וואס מען מוז דוקא טון מיט וואסער, קומט אריין א שמחה אין די וואסער, די וואסער איז טאקע מים בוכים, אבער ושאבתם מים, ווען מען שעפט די וואסער פאר מים שלנו, בששון, פרייען זיי זיך, אז עס געשעהנט א מצוה דורך זיי, עס איז א בחינה אנן בעינן למהוי קמי מלכא.

**הרב רבי יהושע:** דער **שאמלויא'ער רב** שרייבט אין **אבני המקום** (אבן שתיה אות לו), אז די איינציגסטע פלאץ ווי דער בארג איז נישט געווען אויפן תהום, איז נאר דער מקום המקדש, וואס איז קודם געווען א עמק, א טאל. יענע בארג איז דער איינציגסטער בארג, וואס איז געמאכט געווארן נאר צו זיין א בארג.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** ער טייטשט, אין זה כי אם בית אלקים (בראשית כח-יז), דער בארג איז נאר וועגן בית אלקים, דער בארג איז נישט אזוי ווי אלע בערג צו האלטן דעם תהום, כי אם בית אלקים, נאר לכבוד דעם אייבערשטן אז ער זאל זיין אויף א בארג (כן כתוב בהקדמת **שו"ת לחם שלמה** שם).

**רבינו:** עס זאל זיין אין דער הייעך.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** עס איז מיר אלץ שווער געווען, אז עס שטייט אין פסוק ביי די עקידה (בראשית כב-ב) והעלהו שם לעולה על אחד ההרים אשר אומר אליך, און נאכדעם האט אברהם אבינו געבעטן דעם אייבערשטען, אשר יאמר היום בהר ה' יראה, שטייט אין מדרש (תנחומא וירא כב), אז דעמאלטס איז עס געווארן א בארג. דער אייבערשטער האט דאך אים געזאגט מפורש אין אנהייב, על אחד ההרים אשר אומר אליך?

**רבינו:** עס איז געווען א קליין בערגל פאר דעם, און ער האט געהאלטן אז עס איז נישט קיין כבוד.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** איך האב אויך אזוי געטראכט אזוי ווי דו זאגסט, נאר אסאך שטארקער. דער הר המוריה איז אויף א בארג, דארט איז דא גרויסע בערג, אבער אויף דעם בארג איז עס געווען גראד. דער פלאץ פונעם בית המקדש וואלט נישט געווען העכער פון ערגעץ אנדערש. אז מען איז שוין אויפן בארג, קען מען גיין אויף דעם פלאץ וואו עס איז פלאך. און אברהם אבינו האט מתפלל געווען אז דער פלאץ פונעם בית המקדש זאל ווערן נאך א בערגל. עס איז טאקע על אחד ההרים, אויף איינס פון די בערג דארט, עס איז שטענדיג געווען א בארג, אבער ויבואו אל 'המקום' אשר אמר לו אלקים, ווען מען איז אנגעקומען איז עס געווען א גראדע פלאץ. און ער האט געבעטן 'בהר' ה' יראה, אז עס זאל פון דעם פלאץ אליינס ווערן נאך א שטיקל בערגעל, אזוי ווי דער הר המוריה. - די זאך בין איך מחדש אין קאר, איך פאר יעדן טאג צופרי דאווענען אין ישיבה, זאג איך די פרשה פון די עקידה, אביסל אראפברענגען די צייט פאר די בחורים, ממילא האב איך צייט אריינצוטראכטן אזוי יעדע ווארט.

**רבינו:** איך זאג ביי מיר אויך. איך לערן אין די קאר מער ווי איך לערן אינדערהיים! מען פארט דא, מען פארט דארט, עס איז נישט דא קיין טעלעפאון'ס, און מען שטערט נישט.

**אדמו"ר מסערדאהעלי:** הדרכים מבקשים תפקידם (איכ"ר א-ל), דרכי ציון אבילות מבלי באי מועד (איכה א-ד), די ערד פריידט זיך אז עס פארט דארט א יוד וואס לערנט תורה, דער קאר האט א הנאה, עס האט א עילוי.

**ונשארו ביחידות למשך זמן, ונפרדו לשלום**

## סיפורי צדיקים בסעודת מלוה מלכה

**מתוך הספר נאמנים ונחמדים**

מוצש"ק פרשת מטות - מסעי תשפ"ד לפ"ק

**אויסגענארט פון הימל**

**תשעה** באב איז די יארצייט פונעם חוזה, דער **רבי פון לובלין**. ער ברענגט דא צו, אז ער האט געהערט פונעם משמש פונעם לעלוב'ער רבי, וואס האט געהערט פונעם ברכות משה, דער לעלוב'ער רבי, וואס האט פארציילט, אז זיין זיידע **רבי נתן נטע פון חעלם**, איז סוף ימיו קראנק געווארן, און מען האט אים מזכיר געווען פארן רבי פון לובלין בשעת ער האט געהאלטן פאר קידוש. און דער רבי פון לובלין האט זיך אנגערופן, ער וועט זיין געזונט, נתן נטע בן מלכה. און ער איז שפעטער נסתלק געווארן. ווען דער רבי פון לובלין האט געהערט אז ער איז נסתלק געווארן, האט ער געזאגט, מען האט מיך אויסגענארט פון הימל. איך האב געמיינט אז ער וועט געזונט ווערן, מען האט מיך אויסגענארט, און ער איז נסתלק געווארן.

**וביאר רבינו:** די מעשה דארף א ביאור. אין הימל זאגט מען נישט קיין ליגנט, מען פאפט נישט. פאפן פאפט מען אויף די וועלט, יענע וועלט איז אן עולם אמת. וואס איז טייטש, מען האט אים אויסגעפאפט פון הימל, און מען האט אים געזאגט אז ער וועט געזונט ווערן, און ער איז נישט געזונט געווארן. אין הימל איז נישט דא קיין שקר, עס שטייט אין די גמרא (חגיגה יד:) ארבעה נכנסו לפרדס, עס איז געווען פיר תנאים וואס זענען ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל, בן עזאי, בן זומא, אחר, מיט רבי עקיבא. און רבי עקיבא האט זיי אנגעזאגט, ווען עטץ וועטס ארויפקומען אויבן אין הימל, און עטץ וועטס אנקומען אויף א פלאץ וואו עס איז דא אבני שיש, עס איז דא דארט שטיינער פון מארמאר, וואס איז אזוי דורכזיכטיג אז עס קוקט אויס ווי וואסער, אל תאמרו מים מים, זאלט עטץ נישט זאגן, מען קען דא נישט גיין ווייטער, ווייל דא איז דא וואסער, ווייל עס איז נישט קיין וואסער, און אז מען זאגט ליגענט אין הימל, דובר שקרים לא יכון לנגד עיני (תהלים קא-ז). אויבן איז א עולם אמת. אפילו פון א טעות, אז מען זאגט אויף אבני שיש אז עס איז מים, וועט עטץ נישט קענען בלייבן אויבן אין הימל, מען וועט ענק ארויסווארפן פון דארט, זאלט עטץ אכט געבן אז מען זאל נישט זאגן מים מים. און דא פארציילט מען א מעשה, אז מען האט אים אויסגעפאפט פון הימל. ער האט געמיינט אז ער וועט געזונט ווערן, און ער איז נישט געזונט געווארן.

**נו**, עס מוז נישט זיין ממש אזוי ווי עס שטייט דא, אז מען האט אים 'אויסגעפאפט', נאר 'מען האט אים נישט געוויזן פון הימל'. ער האט געהאט א מקום וואו ער האט געקענט זיך אומקוקן, ער האט געקענט זעהן ווער עס דארף נסתלק ווערן, און מען האט אים נישט געוויזן די רשימה, האט ער נישט געזעהן, האט ער געזאגט, אז ער וועט געזונט ווערן.

**פון הימל האט מען נישט געוואלט פארשטערן די קידוש פונעם רבי פון לובלין**

**אבער** די קשיא איז ווייטער, פארוואס האט מען אים אויסגענארט, פארוואס האט מען אים טאקע נישט געוויזן? דער רבי פון לובלין האט דאך אלעס געזעהן, פארוואס ווען מען האט אים מזכיר געווען דעם נאמען, האט מען אים פארפירט, אז ער האט נישט געזעהן אויבן אין הימל, אז ער וועט נסתלק ווערן.

**זעהט** אויס, דער רבי פון לובלין האט געהאלטן פאר קידוש, און מען האט נישט געוואלט פארשטערן זיין הייליגן קידוש, ווען ער וועט זעהן אויבן אין הימל אז דער רבי נטע וועט נסתלק ווערן, האט מען עס מעלים געווען פון אים, כדי ער זאל נישט האבן דעם חלישת הדעת. עס איז דאך שבת, וקראת לשבת עונג (ישעיה נח-יג), די משפחה פון רבי נתן נטע פון חעלם זענען מן הסתם געווען גרויסע לייט, און מען האט זייער שבת אויך נישט געוואלט פארשטערן, האט מען מעלים געווען פונעם רבי פון לובלין אז ער וועט נסתלק ווערן, האט ער געזאגט, אז ער וועט געזונט ווערן.

**צוזאגן א ישועה, כדי צו טון א חסד מיט יענעם**

**עס** האט מיר אמאל פארציילט א יוד, אז זיין פאטער איז קראנק געווארן אויף דער עלטער, און ער איז נאכדעם נסתלק געווארן. ווען ער איז נישט געווען

געזונט, זענען די קינדער ארומגעגאנגען צו די צדיקים פון דעמאלטס'דיגן דור [פון דעם דור, אבער זיי לעבן שוין נישט], און זיי האבן מזכיר געווען דעם פאטער, און געבעטן זיי זאלן אנוואונטשן, און צוזאגן א רפואה.

**האט** ער מיר פארציילט אזוי, אז ער איז געווען ביי איין צדיק, און דער צדיק האט אים געזאגט, אז דו וועסט מיר געבן א גרויסע סומע געלט, דעמאלטס וואונטש איך אן, אז ער זאל געזונט ווערן, אבער טאמער עס וועט נישט געלונגען דער מופת, וועל איך דיר צוריקגעבן דאס געלט. - נו, ער האט געוואלט אז דער חולה זאל האבן א זכות פון צדקה, אפשר מיט דעם וואס מען וועט געבן דאס געלט, וועט ער ממשיך זיין א ישועה.

**נאכדעם** איז ער געווען ביים **טאהש'ער רבי זצ"ל**, און ער האט מזכיר געווען דעם פאטער, ער זאל אים אנוואונטשן. און דער טאהש'ער רבי האט אנגעוואונטשן. דער טאהשער רבי איז געווען א געוואלדיגער בעל חסד, האט ער אים אנגעוואונטשן. האט ער געבעטן, אז דער רבי זאל צוזאגן אז ער גייט ווערן געזונט. האט ער צוגעזאגט אז ער וועט ווערן געזונט. יענער זעהט אויס איז געווען א נאנטער מענטש דארט, האט ער געזאגט, איך בעהט אז דער רבי זאל עס מיר געבן בכתב. האט ער גענומען א צעטל, און ער האט אפגעשריבן, דער און דער, וואס הייסט אזוי און אזוי, בן אזוי און אזוי, איך בין מבטיח ער וועט געזונט ווערן. ער האט נישט געבעטן קיין געלט, ער האט אים נאר געשריבן א צעטל, ער האט אים מבטיח געווען. - א פאר טעג שפעטער איז יענער געשטארבן.

**דאס** הייסט א צדיק אמת! ער האט נישט געדארפט גארנישט, ער האט געוואלט יענעם בארואיגן, ער האט געוואוסט אז זיי גייען ארום אן א קאפ, און עס איז מעגליך אז ער וועט שטארבן, און מען וועט האבן א צעטל פון אים אז ער זאגט אז ער וועט לעבן, און ער איז געשטארבן. עס איז בזיונות, און אפילו הכי, האט ער זיך מקריב געווען, כדי א טובה צו טון פאר א יוד, זיי זאלן זיין רואיג, האט ער געשריבן א צעטל, אז ער איז מבטיח אז ער וועט לעבן. און ער האט א צעטל אז ער וועט לעבן, און ער איז געשטארבן. זעהט מען, אז עס איז דא אזא ענין וואס מען איז מבטיח פאר איינעם, און עס מוז נישט זיין אז עס זאל אזוי פאסירן, ער האט עס געטון אלץ א חסד.

**אין** הימל טוט מען אויך חסד, מען האט נישט געוואלט פארשטערן דעם שבת פארן רבי פון לובלין, מען האט נישט געוואלט פארשטערן די שבת פאר די קינדער, האט מען מעלים געווען פונעם רבי פון לובלין אז ער וועט נסתלק ווערן.

*

**די ווייטע אויגן פונעם רבי פון לובלין**

**נאכדעם** ברענגט ער, אז עס איז געווען צוויי תלמידים פון רבי פון לובלין, איינער האט געהייסן רבי פייוול גריצער, און ער האט געהאט א חבר רבי זושא פלאצקער. דער רבי זושא האט מחבר געווען דעם ספר 'קול שמחה', דברי תורה פונעם רבי ר' בונם פון פרשיסחא. די צוויי חברים זענען געווען תלמידים פונעם חוות דעת. ער שרייבט דא, אז דער רבי פייוול גריצער האט געשריבן א גרויס חלק פונעם ספר חוות דעת. – [איך פארשטיי נישט וואס דאס מיינט, דער חוות דעת האט מן הסתם אליין געשריבן זיינע חידושים, ער האט נישט געדארפט האבן איינער זאל אים שרייבן די חידושים. מן הסתם האט ער איבערגעשריבן וואס דער חוות דעת האט אים געהייסן צוגרייטן צום דרוק].

**ווען** דער רבי פון לובלין איז נתפרסם געווארן, האבן די צוויי חברים געוואלט פארן צום רבי פון לובלין, זיי זאלן קענען דעם רבי'ן. אבער זיי האבן מחליט געווען אז עס איז ביטול תורה, מען קען נישט אוועקגיין פון לערנען און פארן אויף לובלין.

**נאכדעם** האט זיך געמאכט א סיבה אז דער רבי פייוול האט געדארפט זיין אין די געגנט פון לובלין, האבן זיי אפגעשמועסט צווישן זיך, אז דער רבי פייוול וועט קודם אריינגיין צום רבי פון לובלין זעהן וואס דארט טוט זיך, און אויב ער וועט זעהן אז עס איז פאר זיי, וועט דער חבר רבי זושא אויך נאכקומען אהין אויף לובלין.

**רבי** פייוול איז אריינגעגאנגען צום רבי פון לובלין, און ער האט מזכיר געווען זיין חבר רבי זושא פלאצקער. און דער רבי פון לובלין האט אים אוועקגעמאכט. ווי איינער זאגט, אז דער רבי זושא איז נישט קיין גרויסע זאכן. רבי פייוול האט תיכף

באקומען א הרהור, מען זאגט אז דער רבי פון לובלין זעהט אין אלע עולמות, און ער קען דעם חבר, ער האט געוואוסט אז ער איז א איש מורם מעם, און דער רבי באמערקט נישט וואס פאר א געהויבענער יונגערמאן זיין חברותא איז? האט ער געהאט א הרהור אויפן רבי פון לובלין.

**פאר** ער איז אוועקגעפארן איז ער נאכאמאל אריינגעגאנגען זיך געזעגענען פונעם רבי פון לובלין, און ער האט ווייטער מזכיר געווען זיין חבר רבי זושא. ווען ער האט געזאגט דעם רבי זושא, האט דער רבי פון לובלין זיך אנגערופן, ער שיינט, ער שיינט, און ער האט אנגעהויבן רעדן גרויס פון זיין חברותא. האט רבי פייוול שוין פארשטאנען אז עס איז נישט אזוי פשוט. אז קודם האט ער אים מבטל געווען, ער האט אים אוועקגעמאכט, און שפעטער האט ער אים משבח געווען. האט ער פארצייכענט פאר זיך, ווען ער איז געווען דאס ערשטע מאל, און ווען ער איז געווען דאס צווייטע מאל.

**ווען** ער איז אהיימגעקומען, האט ער פארציילט פאר זיין חברותא, דער רבי זושא, וואס ער האט געהאטביים רבי פון לובלין. די ערשטע מאל ווען איך האב דערמאנט דיין נאמען, האט דער רבי דיך אוועקגעמאכט, און דאס צווייטע מאל ווען איך בין געווען, דעמאלטס און דעמאלטס, האט דער רבי דיך משבח געווען.

**האט** ער אים געזאגט, איך וועל דיר פארציילן וואס עס איז געווען. די ערשטע מאל וואס דו ביסט געווען ביים רבי פון לובלין, איז געווען דעם און דעם טאג, דעמאלטס איז אנגעקומען דא אין די שטאט א יוד אן ארימאן, צוזאמנעמען געלט פאר הכנסת כלה. און אזוי ווי ער איז געווען א פרעמדער וואס איז געקומען אין די שטאט, האט ער מיך געבעטן איך זאל מיט אים מיטגיין צוזאמנעמען געלט ביי די נדיבי עם אין שול. און איך האב אים מדחה געווען, אז עס איז ביטול תורה, איך האב נישט קיין צייט איך זאל קענען ארומגיין מיט אים נאך געלט. און דאס איז געווען דעמאלטס ווען דו ביסט געווען ביים רבי פון לובלין דאס ערשטע מאל, און ער האט מיך אוועקגעמאכט. א יוד בעהט איך זאל אים העלפן פאר צדקה, און ער האט געזעהן אז איך העלף אים נישט.

**נאכדעם** האב איך זיך בארעכנט, אז עס קומט זיך נישט אז איך זאל זיך אזוי פירן, נישט העלפן פאר א יוד וואס דארף האבן הילף, בין איך געגאנגען און איך האב אים אויפגעזוכט, און איך בין געגאנגען צוזאמען מיט אים, צוזאמנעמען געלט לצורך הכנסת כלה, וועגן דעם האט דער רבי פון לובלין נאכדעם געזאגט אז ער שיינט. - פון דעמאלטס זענען זיי ביידע געפארן אויף לובלין, און זיי זענען געווארן תלמידים פונעם חוזה.

**מבטל זיין פון לערנען צו גיין נאך געלט**

**ושאל** רבינו: וואס דארף מען טון? מען דארף מבטל זיין פון לערנען, צו גיין נאך געלט, צו נישט? ער איז דאך געווען גרויס נאך בעפאר ער איז געגאנגען צום רבי פון לובלין, פארוואס מעיקרא האט ער אוועקגעשיקט דעם ארימאן, און ער האט אים געזאגט אז ער דארף לערנען, און נאכדעם האט ער געזאגט ניין, מען דארף אים גיין ארויסהעלפן.

**דער** תירוץ דערויף איז, עס שטייט אין די גמרא (מועד קטן ט:), אז עס איז דא א סתירה, איינמאל שטייט (משלי ג-טו) כל חפציך לא ישוו בה, עס איז נישט דא גרעסער פון תורה. כל חפציך, אלע דיינע חפצים, זענען נישט ווערד אזויפיל וויפיל תורה. מען דארף נישט מבטל זיין תורה פאר חפציך. אבער פאר א מצוה דארף מען מבטל זיין תורה כדי מקיים צו זיין א מצוה, 'חפציך' לא ישוו בה, אבער חפצי שמים איז חשוב'ער פון תורה.

**און** איינמאל שטייט אין פסוק (משלי ח-יא), כל חפצים לא ישוו בה, אפילו א חפץ של מצוה איז נישט ווערד אקעגן דברי תורה. ותלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א), מען דארף נישט מבטל זיין פון תלמוד תורה, אפילו פאר א מצוה. פרעגט די גמרא, עס איז א סתירה, איינמאל שטייט אז מען דארף מבטל זיין לערנען פאר א מצוה, און איינמאל שטייט אז מען דארף נישט? זאגט די גמרא, כאן במצוה שאפשר לעשותה על ידי אחרים, כאן במצוה שאי אפשר לעשותה על ידי אחרים. א מצוה וואס ליגט אויפן מענטש צו טון, און א צווייטער קען עס נישט טון, נאר ער אליין, דארף א מענטש מבטל זיין פון תורה. ער דארף אנטון תפילין יעדן טאג, ער דארף ליינען קריאת שמע, און ער דארף מבטל זיין פון תורה, צום דאווענען. יעדע מצוה וואס קומט אונטער די הענט, און עס איז א מצוה שבגופו, דו קענסט עס נישט יוצא זיין מיט א צווייטן, ביסטו מחוייב עס צו טון. אבער א מצוה וואס איז אפשר לעשותה על ידי

אחרים, אז איך וועל עס נישט טון וועט די מצוה געשעהן, נאר נישט דורך מיר עס וועט געשעהן דורך א צווייטן, איז תורה פריער, דארף מען לערנען, און נישט מבטל זיין. זאל דער צווייטער טון די מצוה, עס איז אפשר לעשותה על ידי אחרים.

**עס** שטייט אין **תניא** (הלכות תלמוד תורה ד-ג), אז ווען מען דארף העלפן א יוד מיט צדקה, איז אויב עס איז אפשר לעשותה על ידי אחרים, א צווייטער קען עס טון, זאל מען נישט מבטל זיין פון תורה, מען זאל עס איבערלאזן פאר א צווייטן. אבער טאמער די צדקה איז א מצוה וואס איז אי אפשר לעשותה על ידי אחרים, עס איז נישט דא קיין צווייטער וואס זאל אים העלפן, דארף מען צומאכן די גמרא און העלפן פאר יענעם. זאגט דער תניא נאך מער, אפילו עס איז דא א צווייטער וואס וועט עס טון, אבער דו קענסט צוזאמנעמען מער געלט פאר דעם עני וויפיל יענער קען, דו האסט מער ווארט, דו ביסט מער מכובד וכדומה, הייסט עס אזוי ווי א מצוה וואס איז אי אפשר לעשותה על ידי אחרים. יענער קען צוזאמשטעלן הונדערט דאלער, און דו קענסט צוזאמשטעלן צוויי הונדערט, איז די הונדערט דאלער איז אי אפשר לעשותה על ידי אחרים, מען קען עס נישט מאכן דורך א צווייטן, דארף מען מבטל זיין פון תורה, כדי צו טון די מצוה.

**ווען** דער ארימאן איז מעיקרא געקומען צו רבי זושא, און ער האט אים געבעטן ער זאל אים העלפן, האט ער געטראכט, אז עס איז אפשר לעשותה על ידי אחרים. איך דארף לערנען, ער וועט שוין טרעפן א צווייטער וואס וועט אים העלפן. נאכדעם האט ער זיך מתבונן געווען, אז ווען ער וועט עס טון, דעמאלטס וועט ער קענען צוזאמשטעלן פאר אים מער, אז עס איז אי אפשר לעשותה על ידי אחרים, האט ער מבטל געווען פון זיין תורה, כדי ארויסצוהעלפן פאר דעם עני.

*

**מוותר זיין פון זיין התעלות פארן טובה פונעם ציבור**

**נאכדעם** ברענגט ער, אז נאכן הסתלקות פונעם רבי פון לובלין, זענען די צוויי חברים, רבי פייוול מיט רבי זושא, געפארן צום רבי ר' בונם אויף פרשיסחא. זייער רבי דער חוות דעת האט מורא געהאט אז די תלמידים וועלן זיך אפלאזן פון לערנען, זיי וועלן ווערן דארט חסידים, און פארגעסן פון לימוד התורה. האט דער חוות דעת געשריבן א בריוו פארן רבי ר' בונם, און ער בעהט אים, אז אזוי ווי די צוויי זענען זיינע חשוב'ע תלמידים, און זיי קענען זיין שיינע רבנים אין שיינע שטעט, עס וועט זיין א כבוד פאר חסידות, אז אזא תלמיד קען מרביץ תורה זיין, זאל ער זעהן אז זיי זאלן ווערן רבנים. דאס איז טייטש, דער חוות דעת האט געבעטן פונעם רבי ר' בונם, ער זאל זעהן צו פארשאפן פאר זיי א רבנות, וואו זיי זאלן קענען מרביץ תורה זיין.

**דער** רבי ר' בונם האט אזוי געטון, און דער רבי זושא איז געווארן דעמאלטס רב אין פלאצק. און פון דעמאלטס אן, האט ער שוין נישט געקענט פארן צו זיין רבי, ווייל ער איז דאך געווען א רב אין די שטאט. ווען עס איז געקומען ראש השנה, האט עס אים זייער וויי געטון אז ער דארף בלייבן דא אין פלאצק, ער פלעג אייביג פארן ראש השנה צו זיין רבי אויף פרשיסחא, און יעצט וועט ער נישט קענען פארן. איז ער געגאנגען און ער האט אפגעשריבן א בריוו פארן רבי ר' בונם, און ער האט זיך אפגערעדט, דער רבי האט מיר געהייסן איך זאל ווערן רב אין פלאצק, און לכבוד דעם קען איך נישט קומען צום רבין אויף ראש השנה, און עס האט אים וויי געטון.

**דער** רבי ר' בונם האט אים געענטפערט א מכתב נפלא, א שיינעם בריוו, [ער שרייבט נישט וואס דער בריוו איז געווען], און דער זון פונעם רבי ר' בונם, רבי אברהם משה, האט גענומען דעם בריוו פונעם פאטער אוועקצושיקן פאר דעם רבי זושא, און ער האט צוגעשריבן צו דעם, אז איך בעהט דיך, ווען דו קומסט די קומענדיגע מאל אויף פרשיסחא, ברענג מיט דעם בריוו, ווייל איך וויל מיט דיר איבערגיין דאס וואס דער טאטע האט דא געשריבן פאר דיר. - עס שטייט נישט וואס ער האט געשריבן, און עס שטייט נישט וואס די תשובה איז געווען, אבער זעהט אויס אז עס איז געווען אן עמקות'דיגע תשובה וואס דער רבי ר' בונם האט אים געענטפערט, און אויף דעם האט ער געזאגט, אז ער וויל עס איבערגיין מיט אים.

**והוסיף רבינו:** איך מיין אז די תשובה דערויף איז, אז א מענטש דארף מוותר זיין פון זיין התעלות, פארן טובה פונעם ציבור. ער איז געווען רב אין פלאצק, און ווען עס איז געקומען ראש השנה, האט ער געדארפט דרש'נן דארט, ער האט געדארפט

אויפהייבן זיין גאנצער ציבור צוזאמען מיט זיך. אמת עס וועט אים פעלן אז ער קען נישט גיין צו זיין רבי, אבער גיין צו זיין רבי דאס איז זיין אייגענע התעלות, און בלייבן דארט דאס איז א התעלות פאר א גאנצן ציבור. א מענטש איז מחויב אוועקצוקוקן פון זיין התעלות, פאר די טובה פונעם ציבור. און עס איז נאך חשוב'ער. ווען ער וואלט געגאנגען צום רבי וואלט 'ער' נתעלה געווארן, און אזוי האט ער א זכות הרבים, וואס דער זכות הרבים איז העכער פון א זכות פון א יחיד.

*

**יעדע מענטש דארף אדורכגיין יסורים**

**נאכדעם** ברענגט ער צו, אז ער האט געהערט פונעם לעלוב'ער רבי, אז א יוד האט זיך אמאל אפגערעדט פארן רבי פון לובלין, אז עס מאכט זיך אייביג עפעס ביי אים אין שטוב, א אומגליק. איינמאל איז די ווייב קראנק, און נאכדעם איז זיין קינד קראנק, מארגן ווערט א צווייטע קינד קראנק. יעדעס מאל איז דא עפעס א חולה אין שטוב.

**דער** יוד איז געווען אן עושר, האט אים דער רבי פון לובלין געזאגט, מסתם האסטו אין שטוב נאר זילבערנע כלים, און גלאזערנע כלים האסטו נישט. קויף דיר איין גלעזערנע כלים, אז דו וועסט האבן גלאזערנע כלים אין שטוב, און עס וועט זיך צוברעכן, וועסטו האבן עגמת נפש, וועסטו אפקומען מיט דעם וואס עס האט זיך דיר צובראכן די כלים, אז דיינע קינדער וועלן נישט דארפן קראנק ווערן. אז עס איז נישט דא קיין גלאזערנע כלים, עס ווערט נישט צובראכן, האסטו נישט מיט וואס אפצוקומען.

**והעיר רבינו:** דאס איז טייטש, פאר א מענטש איז באשערט יסורים וואס ער דארף אפצוקומען, און אויב עס צוברעכט זיך נישט קיין כלים אין שטוב, גייט עס אויס נאכדעם אויפן מענטש, צו עס גייט אויס אויף די קינדער. האט דער רבי פון לובלין געזאגט, דו קענסט עס אויפטוישן. אז דו וועסט האבן זאכן וואס דו וועסט קענען האבן עגמת נפש פון עפעס אנדערש, וועט אוועקגענומען ווערן די עגמת נפש פון די קינדער.

**עס** שטייט אין די גמרא (ערכין טז:), אז אויב עס גייט אדורך אויף א מענטש פערציג טעג, און ער האט נישט געהאט קיין יסורים, האט ער אפבאקומען זיין עולם הבא. יעדער מענטש דארף האבן עפעס יסורים וואס ער זאל אפקומען. כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז-כ), און אויף דעם דארף ער האבן די יסורים. די גמרא רעכנט אויס, אז יסורים הייסט, אפילו קלייניגקייטן. אויב א מענטש האט זיך אנגעטון זיין העמד, און ער האט עס אנגעטון אויף די פארקערטע זייט, און ער דארף עס נאכאמאל אויסטון און צוריק אנטון, זאגט די גמרא, דאס הייסט יסורים, וואס מיט דעם קומט ער אפ, אז ער האט געהאט יסורים, כאטש עס איז א קלייניגקייט. אז ער האט געוואלט ארויסנעמען פון טאש דריי מטבעות, און ער האט ארויסגענומען נאר צוויי, און ער דארף נאכאמאל אריינלייגן די הענט ארויסצונעמען די דריטע מטבע, זאגט די גמרא, דאס גייט אויך אריין אין גדר פון יסורים. יעדע קלייניגקייט וואס א מענטש גייט אדורך, הייסט יסורים. אז עס פאלט אראפ א גלאז, און עס האט זיך צובראכן, איז עס אויך יסורים. - האט אים דער רבי פון לובלין געזאגט, אז דו וועסט האבן אנדערע זאכן מיט וואס דו קענסט אפקומען די יסורים, וועט נישט צוקומען דערצו, אז עס זאל נוגע זיין צו די גופים.

*

**ממשיך זיין קדושת ארץ ישראל צו זיך**

**נאכדעם** האט ער געהערט פונעם לעלוב'ער רבי, דער ברכות משה, וואס ער איז געווען א אייניקל פונעם רבי פון לובלין, אז דער רבי פון לובלין איז געווען אמאל ביי רבי ברוך'ל מעזיבוז'ער, און דער רבי ברוך'ל איז געגאנגען ערב שבת אין מקוה, און דער רבי פון לובלין איז מיטגעגאנגען מיט אים. און רבי ברוך'ל פרעגט דעם רבי פון לובלין, מען זאגט דאך אויף אייך אז איר זעהט, וואס זעהט איר יעצט? האט אים דער רבי פון לובלין געזאגט, ער זעהט יעצט ארץ ישראל. זיי זענען געגאנגען ווייטער. שפעטער פרעגט ער אים נאכאמאל, וואס זעהט איר יעצט? זאגט ער, יעצט זעה איך ירושלים. זענען זיי געגאנגען ווייטער, פרעגט ער, און וואס זעהט איר יעצט? האט ער געזאגט, דעם הר הבית. האט רבי ברוך'ל זיך אנגערופן, איר זעהט דאך טאקע. ווי איינער זאגט, ער האט מסכים געווען אז די ראיה וואס ער האט געזעהן, האט ער ריכטיג געזעהן.

**האט** דער לעלוב'ער רבי, דער ברכת משה, צוגעגעבן, אז אן ארץ ישראל קען מען נישט, נאר

צדיקים האבן געהאט א עצה, זיי האבן אריינגעברענגט ארץ ישראל אין זייערע ד' אמות. דער רבי ר' ברוך'ל האט ממשיך געווען די קדושה פון ארץ ישראל צו זיך, און דאס האט דער רבי פון לובלין מרגיש געווען, אז מען איז יעצט אין ארץ ישראל, מען איז אין ירושלים, מען איז אין הר הבית, אזוי האט ער ממשיך געווען די ישועות דורך ארץ ישראל.

**והוסיף רבינו:** עס איז דא א ווארט אין **חתם סופר** (**תורת משה** פרשת ראה עה.) דער פסוק (דברים יב-יז) זאגט, לא תוכל לאכול בשעריך מעשר דגנך ותירשך ויצהרך, מעשר מעג מען נאר עסן אין ירושלים, לא תוכל לאכול בשעריך, מען קען נישט עסן מעשר חוץ ירושלים. לא תוכל? דו קענסט נישט עסן? מען קען יא, דער רשע עסט, מען קען עסן אינדרויסן, מען טאר נישט. פארוואס שטייט אין די תורה, לא תוכל, דו קענסט נישט. רש"י זאגט, יכול אתה, דו קענסט, אבל אינך רשאי, דו טארסט נישט. לא תוכל איז נישט טייטש אז דו קענסט נישט, ווייל מען קען דאך יא, אבער דו טארסט נישט.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, מען טאר נישט עסן מעשר נאר אין ירושלים. מען האט אבער אן עצה, מען קען ממשיך זיין די קדושה פון ירושלים אויף חוץ לארץ, קומט אויס, וועט ער דאך קענען עסן מעשר אויך אין חוץ לארץ. מען מעג דאך נאר עסן אין ירושלים, און דו קענסט דאך ממשיך זיין די קדושה פון ירושלים דארט וואו דו ביסט, וועט ער דאך קענען עסן. זאגט די תורה, ניין, אפילו דו קענסט ממשיך זיין די קדושה פון ירושלים דארט וואו דו ביסט, אבער צו מעשר דארף מען האבן די ערד פון ירושלים, עס נוצט נישט די קדושה פון ירושלים. זאגט דער הייליגער חתם סופר, לא תוכל לאכול בשעריך, דו קענסט נישט עסן, יכול אתה, דו וואלסט געקענט, ווייל דו קענסט ברענגען ירושלים דארט וואו דו ביסט, אבל אינך רשאי, פון דעסטוועגן דאך טארסטו נישט עסן, ווייל עסן האט מען געדארפט דוקא אין ירושלים אליין.

*

**עסן כדי צו האבן כח צו פאסטן יום כיפור**

**נאכדעם** ברענגט ער צו פונעם ברכות משה. אז זיין זיידע, רבי דוד'ל בידערמאן, האט נאכגעזאגט פונעם רבי פון לובלין, ווען א מענטש עסט א וועטשערע, א נאכטמאל, זאל מען עסן נאכדעם נאך א שטיקל ברויט, און אינזין האבן אז ער זאל זיין געזונט, און ער זאל האבן כח צו פאסטן יום כיפור. - א מענטש קען עסן, און עס ווענדט זיך וואס די כוונה פון דעם עסן איז. בכל דרכיך דעהו (משלי ג-ו), אויב ער עסט נאך א שטיקל כדי ער זאל זיין געזונט, און ווען עס קומט יום כיפור זאל ער קענען פאסטן, האט ער מעלה געווען דעם אוכל וואס ער האט געגעסן, און עס ווערט אן אכילה של מצוה, ווייל דאס וואס ער האט געגעסן, איז כדי ער זאל האבן כח צו פאסטן יום הקדוש.

*

**בשעת מען טוט א מצוה, שיינט דער מענטש**

**נאכדעם** ברענגט ער צו א מעשה וואס דער פאלטישאנער רבי ז"ל האט פארציילט. [מען האט גערעדט שבת פון אן ענליכע מעשה, זעהט אויס, עס איז דא אסאך נוסחאות אין די מעשה, און דאס איז איינע פון די נוסחאות].

**האט** ער פארציילט אזוי, אז אין א שטעטל נעבן לובלין האט געוואוינט א מסור. און עס זענען געקומען א מנין יודען פון דארט צום רבי פון לובלין, אז מען ליידט זייער שטארק פון דעם מסור, און מען האט מזכיר געווען דעם נאמען. האט דער רבי פון לובלין זיך אנגערופן, דער נאמען שיינט דאך אזוי ווי דער כהן וואס האט געטון די עבודה אין בית המקדש. זיי האבן נישט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט. האט זיך איינער אנגערופן דארט, לאמיר צו ווארטן ביז מארגן. מארגן זענען זיי נאכאמאל אריינגעגאנגען צום רבי פון לובלין, און מען האט אים איבערגעגעבן דעם נאמען פון דעם מסור, און דער לובלינער האט אים פארשאלטן, און ער האט אים פארשיקט. - שרייבט ער דא, אז דער פאלטישאנער רבי האט נישט געוואלט זאגן וואס ער האט געטון מיט אים, ער האט נישט געוואלט ארויסרעדן קיין שלעכטס, האט ער געזאגט, ער האט אים פארשיקט.

**און** מען האט זיך גע'חידוש'ט, פארוואס די ערשטע מאל האט ער געזאגט ער שיינט, און נאכדעם נישט. נאכדעם איז נתברר געווארן, אז די ערשטע מאל וואס מען האט מזכיר געווען דעם מסור פארן רבי פון לובלין, איז געווען דעם טאג וואס ער האט געמאכט א ברית פאר א קינד, ער האט מכניס געווען

א קינד בבריתו של אברהם אבינו, און עס שטייט דאך (זוה"ק ח"ג מד.) אז ווען מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, ווערט עס גערעכנט כאילו הקריב קרבן על גבי המזבח, ווי ער האט מקריב געווען א קרבן. האט דער רבי פון לובלין געזאגט, ער שיינט אזוי ווי א כהן וואס טוט די עבודה אין בית המקדש, ווייל ער מל'ט זיין קינד, דאס איז אזוי ווי א קרבן וואס מען ברענגט אין בית המקדש. דעם אנדערן טאג איז ער דאך שוין צוריק געווען דער זעלבער שגץ פון פריער, דעמאלטס האט אים דער רבי פון לובלין מעניש געווען, און ער האט אים פארשיקט.

*

**רייכערן לשם תאוה מאכט קאליע די נשמה**

**נאכדעם** ברענגט ער, אז דער לעלוב'ער רבי, דער ברכת משה, איז אמאל געזעסן ביי א שמחה צוזאמען מיטן שומרי אמונים רבי, רבי אברהם חיים ראטה זצ"ל, א זון פונעם פריער'דיגן שומרי אמונים רבי, און מען האט גערעדט וועגן רייכערן. האט דער לעלוב'ער רבי נאכגעזאגט, אז דער רבי פון לובלין האט געזאגט, א מענטש איז א בשר ודם, ער איז באשאפן געווארן מיט תאוות, יעדע מאכל וואס מען עסט, מאכט קאליע דעם גוף. א ציגאר איז אויך א תאוה, אבער עס גייט נישט אריין אינעם גוף ממש, עס איז נאר א ריח, און א ריח איז נישט פוגם. – ווען א מענטש עסט א זאך, מאכט עס אים קאליע. און ער האט געוואלט ארויסברענגען, אז רייכערן איז נישט א זאך וואס גייט אריין אינעווייניג אינעם מענטש, עס איז א חיצוניות'דיגע זאך, איז עס נישט פוגם.

**והעיר רבינו:** דאס מיינט נישט אז מען קען רייכערן! איך וועל מסביר זיין וואס ער האט געזאגט, און איך וועל עס מסביר זיין אנדערש אויך. - רייכערן איז ערגער ווי עסן. עסן, אז מען עסט נישט ווי עס דארף צו זיין, איז עס פוגם דעם גוף. דער גוף עסט, גייט אריין דער מאכל אינעם מענטש. אבער רייכערן, שטייט אין די גמרא (ברכות מג:), אז ריח באלאנגט נישט צו דעם גוף, ריח איז א זאך וואס עס האט צוטון מיט די נשמה, כל הנשמה תהלל י-ה (תהלים קנ-ו), דרש'נט די גמרא, אז דער גוף פונעם מענטש איז נישט נהנה פון א ריח, נאר די נשמה פונעם מענטש איז נהנה פונעם ריח. קומט אויס, אז אויב ער רייכערט, און עס איז לשם תאוה, האט ער נישט קאליע געמאכט דעם גוף, ער האט קאליע געמאכט די נשמה, ווייל דער גוף איז נישט נהנה פונעם רייכערן, נאר זיין נשמה איז נהנה. נאר ווען מען עסט, מאכט מען קאליע דעם גוף.

**דער** רבי פון לובלין האט ארויסגעברענגט, ווי אזוי ער זאגט נאך, אז עסן איז ערגער. וואס דער הסבר דערפון איז, ווען דו עסט לשם תאוה, ווערט יעצט דיין בלוט און פלייש פון א תאוה. דו האסט געגעסן א מאכל לשם תאוה, און דאס איז געווארן דיין בלוט און פלייש, ביסטו געווארן א בעל תאוה, דיין בלוט און פלייש איז צוזאמגעשטעלט געווארן פון תאוה. און אז דו ביסט צוזאמגעשטעלט געווארן פון תאוה, אוודאי וועסטו מארגן גליסטן צו נאך מער תאוה. אבער רייכערן איז נישט א זאך וואס גייט אריין אינעם גוף, עס איז נאר א אויסענוועגדיגע הנאה, די אויסענווענדיגע הנאה, מאכט נישט קאליע דעם גוף. א מאכל מאכט קאליע דעם גוף, און א ריח מאכט נישט קאליע דעם גוף. - אבער פון די אנדערע זייט, א מאכל איז נוגע נאר פארן גוף, אבער רייכערן דאס איז א זאך וואס איז נוגע פאר די נשמה. ריח איז דער גוף נישט נהנה, נאר די נשמה.

**ווער עס האט טהרה דער קען שפירן א ריח**

**עס** איז דא א גמרא (סוטה מט.), אז פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז אוועקגענומען געווארן דער ריח פון די פירות. פירות האבן אמאל געהאט א גוטן ריח, און דאס וואס פירות האבן היינט א ריח, דאס איז נישט דער אמת'דיגער ריח פון די פירות, עס איז אוועקגענומען געווארן דער ריח וואס איז דא אין פירות. נאכדעם זאגט די גמרא, טהרה בטלה ריח הפירות, ווילאנג עס איז געווען טהרה ביי יודען, האבן די פירות געהאט א ריח, ווען עס איז בטל געווארן טהרה ביי יודען, האבן די פירות פארלוירן דעם ריח, ווייל ריח דאס האט צוטון מיט נשמה, ריח איז נישט דער גוף, און אז עס איז בטל געווארן טהרה, איז בטל געווארן ריח.

**די** גמרא פארציילט דארט, אז רב הונא האט אמאל אהיים געברענגט תמרים, טייטלען. און די טייטלען האבן געהאט זייער א גוטן ריח, און דער זון רבה בר רב הונא איז אריינגעקומען אין שטוב, און ער האט געפרעגט, טאטע וואס איז דא עפעס אזא גוטער ריח? האט ער געזאגט, טהרה יש בך. אז דו האסט געקענט דערשפירן דעם ריח, איז א סימן אז דו ביסט

א ריינער מענטש, ווייל דארט ווי עס איז דא טהרה, דארט שפירט מען דעם ריח. און אז דו האסט עס געשפירט, האט ער אים באוואונדערט, אז ער האט מרגיש געווען דעם ריח, עס איז דא טהרה ביי דיר.

### די אהבה צו א קינד איז מער פון צו א טאטע

**פארציילט** די גמרא נאכדעם, אז דער פאטער איז געגאנגען, און ער האט גענומען די פירות, און ער האט עס אהינגעגעבן פאר זיין זון. נאכדעם איז אריינגעקומען דאס קינד פון רבה בר רב הונא, האט דער זון גענומען די פירות, און עס געגעבן פאר זיין זון ער זאל עס אויפעסן. האט אים דער פאטער געזאגט, פון איין זייט האב איך פון דיר הנאה, און פון די אנדערע זייט האב איך עגמת נפש, א ציפ. איך האב הנאה, אז טהרה יש בך, אז דו ביסט א דערהויבענער מענטש אז דו האסט געשפירט דעם ריח. אבער דו האסט גענומען די פרי, און אנשטאטס מיר עס צוריקגעבן אז איך זאל עס עסן, האסטו עס אוועקגעגעבן פאר דיין קינד צו עסן. דו האסט מקדים געווען דיין זון פאר מיר.

**זאגט** די גמרא, ווייל אזוי איז עס. א טאטע האט ליב א קינד, און דאס קינד האט ליב זיין קינד, נישט א טאטע. די אהבה גייט אלץ פון א טאטע צו א קינד, עס גייט נישט צוריק. ממילא האט ער גענומען די פרי פונעם פאטער, און ער האט עס אוועקגעגעבן פאר זיין קינד. האט אים דער פאטער געזאגט, פון איין זייט האב איך הנאה געהאט וואס דו האסט געטון, און פון די אנדערע זייט האסטו צוגענומען פון מיר די פרי, און דו האסט עס אוועקגעגעבן פאר דיין קינד.

*

### די עבודה פון יום הקדוש ביים רבי פון לובלין

**נאכדעם** ברענגט ער צו, אז דער רבי פון לובלין האט אמאל געזאגט מוצאי יום הקדוש, עס האט אונז היינט גארנישט געפעלט ווייניגער ווי די עבודה אין בית המקדש, נאר די שעפעלע האבן מיר נישט געהאט, מען האט עס נישט געקענט מקריב זיין. אבער די עבודה פון יום הקדוש, האט דער רבי פון לובלין געזאגט, האט אים נישט געפעלט.

*

### ארויספאלן די ציין צוליב פחד

**איך** וועל צוענדיגן מיט א מעשה. איך האב נישט ליב צו פארציילן די מעשה, ווייל איך קלויב אלץ אויס א מעשה וואס איז נישט דא קיין קשיות דערויף, אבער א מעשה וואס איך פארשטיי נישט, האב איך נישט ליב צו זאגן. אבער איך וועל עס דאך פארציילן.

**ער** ברענגט דא צו, פונעם בריגל'ער רבי, וואס איז געווען אן אייניקל פון רבי מרדכי דוד דאמבראוווער, אז רבי מרדכי דוד דאמבראוווער, איז געווען אמאל ביים רבי פון לובלין ביים סדר, און דער רבי פון לובלין איז געזעסן ביים סדר איינגעהילט מיט א טלית, און ביי די הגדה של פסח, האט דער רבי פון לובלין פארגעזאגט די הגדה, און ווען ער איז צוגעקומען צו ובמורא גדול, דער אייבערשטער האט זיך באוויזן מיט א גרויס פארכט, זו גילו שכינה, האט דער רבי פון לובלין אויפגעהויבן דעם טלית, און מען האט געזעהן א געוואלדיגן אור אויפן רבי פון לובלין. איך וועל זאגן די לשון וואס עס שטייט דא, אז דער רבי מרדכי דוד האט געזאגט, אז אלע זיינע ציין זענען אים ארויסגעפאלן פון פחד, בשעת ער האט געזעהן דעם רבי פון לובלין. און ער האט נאר מתפלל געווען, אז די באק-ציינער זאלן אים בלייבן, כדי ער זאל קענען עסן די מצה. עד כאן.

**והוסיף רבינו:** איך האב געזעהן די מעשה אביסל אנדערש, אויף א צווייטן צדיק, אויפן יוד הקדוש. [צו עס איז געווען די זעלבע סדר, צו מען האט פארטוישט די נעמען], אז דער יוד הקדוש איז געווען ביים רבי פון לובלין אויף א סדר, און ביי ובמורא גדול זו גילוי שכינה, האט דער פון לובלין זיך אויפגעדעקט דעם פנים, און עס איז ארויסגעפאלן אלע ציין פאר דעם יוד הקדוש, אויסער איין צאן איז אים געבליבן, און ער האט געזאגט, אז דער צאן איז א רשע, אז ער איז נישט ארויסגעפאלן דעמאלטס בשעת דער רבי האט געזאגט, ובמורא גדול זה גילוי שכינה (עיין **בשמן ראש** חלק תשיעי ויקרא דף מב).

**והעיר רבינו:** איך האב נישט ליב צו פארציילן די מעשה, ווייל איך האב נאך נישט געזעהן א מענטש זאל אים ארויספאלן די ציין פון פחד. אפילו די גרעסטע פחד וואס א מענטש האט, מען גייט אים הענגען וכדומה, ער בלייבט מיט אלע ציין. עס איז שווער צו גלייבן אז עס איז ארויסגעפאלן די ציין, ביי ובמורא גדול זו גילוי שכינה.

**איך** מיין אז דער פשט איז, עס איז נישט ארויסגעפאלן די ציין ממש, עס איז שוואך געווארן

די ציין, און ברבות הימים איז ארויסגעפאלן די ציין. איך ווייס נישט ווי אזוי מען זאל פארענטפערן די מעשה. - אבער אין פנימיות מיין איך אז דער פשט דערפון איז, יעדער מענטש האט דאך תאוות אכילה, וואס עסן עסט מען מיט די ציין. האט ער געזאגט, ווען ער האט געזעהן דעם פחד פון דעם ובמורא גדול זו גילוי שכינה, איז אים ארויסגעפאלן אלע ציין, די תאוות אכילה, וואס צו דעם דארף מען די ציין, דאס איז אים ארויסגעפאלן. און ער האט אבער געבעטן, אז איין תאוות אכילה זאל ער נאך האבן, פאר די כזית מצה. די באק-ציינער זאלן אים בלייבן, די צאן איז אים געבליבן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

קול מעדני מלך וויען – 718.400.7710 • MechonMMVien@Gmail.com
הרוצה לנדב הוצאת הגליון יפנה להר"ר יואל בהרא"ש פייערווערקער הי"ו 347.425.2151